פ. ר. וויעלון.

# נאכ'ן ווארשאווער ציוניסטישען צוזאמענפאהר.

דער ווארשאווער צוזאמענפאהר האט זיך געענדיגט אנדערש ווי עס האבען זיך פארגעשטעלט זיינע ארגאנזשירער. אויפטרעטענדיג אונטער דער פירמע פון די אלגעמיינע ציוניסטען, האט דער על-המשמר געמיינט, אז עס וועט זיך איהם איינגעבען צו טוישען די עפענטליכע מיינונג און צו שאפען דעם איינדרוק, אז ער איז דער אלגעמיינער ציוניזם, ווען ער וועט זיך נאך פער-בינדען מיט א טייל ציוניסטען. די קאלקולאנטען פון דעם ווארשאווער צוזאמענפאהר האבען אויסגערעכענט, אז די קראקאווער קאנפערענץ מוז זיך ענדיגען מיט א פיאסקא און דאן וועלען זיי מוזען בלייבען די צוציהונגס-קראפט פאר די נישט-קאנסאלידירטע פראגרע-סיווע. זיי האבען אבער פערזעהען, אז דער אלגעמיינער ציוניזם פערלאנגט אנ'אנדערע פראגראמאטישע און אידע-אישע ארגאניזאציע ווי די, וועלכע זיי שטעלען פאר.

דער אלגעמיינער ציוניזם קאן און וועט זיך דערהאלטען און וועט נאר דאמאלס ווערען שטארק, ווען ער וועט זיין פריי פון יעדער אבהענגיגקייט פון רעכטס און לינקס, ווען ער וועט נישט זיין א „פיסענבענקעלע", נישט פאר מפא"י און נישט פאר'ן רעוויזיאניזם, ווען ער וועט וועלען פערזארגען דעם ציוניזם און נישט זיינע פליגלען, ווען ער וועט זיין די ארגאניזאציע פון דער מלוכה און נישט פון אונטערשטופער פון פראקציעס און פארטייען, און ווייל דער ווארשאווער צוזאמענפאהר האט דאס נישט פערשטאנען, האט ער אין זיינע ערשטע בעראטונגען מיט א בע-שלוס פון 300 געגען 49 נישט געוואלט בעגריסען די קראקאווער קאנפערענץ און דורך דעם געוואלט אויסדריקען, אז ער איגנארירט די וועלט-קאנפע-רענץ פון די אלגעמיינע ציוניסטען.

אבער שוין אין משך פון די בערא-טונגען, ווי עס בעווייזט איין רעזאלו-ציע, וועלכע ער האט אנגענומען, האט זיך ארויסגעוויזען, אז אונטער דעם דרוק פון די פערהעלטנישען און גע-שאפענע טהאט-זאכען, האט זיך אויס-געקרימט די ליניע, וועלכע די ארא-נזשערען פונ'ם ווארשאווער צ. ק. הא-בען אנגעצייכענט אין זייער פלאן פאר דעם צוזאמענפאהר. ווען מען האט גע-לעזען די בעריכטען, וועלכע אפילו דער „היינט" האט געבראכט, האט מען געזעהען, ווי עס פאלען שטיקער פון דעם פלאן, מיט וועלכען דער צ. ק. איז געקומען צום ווארשאווער צו-זאמענפאהר. און ווען אפילו אזא אנגע-זעהענער מיטגליעד פון דער וועלט-עקזעקוטיווע, ווי פראפ. בראדעצקי האט אין זיין רעדע נישט געקאנט אי-בערצייגען די „איינפייטשער" פונ'ם ווארשאווער צוזאמענפאהר און ווען אפילו דעלעגירטע פון צוזאמענפאהר, וועלכע זענען געקומען פון דער וועלט-קאנפע-רענץ האבען זיך אנגעשטויסען אויף ארגומענטען, אז עס איז אויסגעשלא-סען, דאס זייערע בעריכטען וועגען דעם, אז די וועלט - קאנפערענץ האט זיך געענדיגט בשלום און האט געשא-פען א געזונדע פעסט שטעהענדע אר-גאניזאציע, זאלען זיין אמת, האט ערשט דער טעלעגראם פון פראפ. בראַ-דעצקי, וועלכער האט בעשטעטיגט די בעהויפטונג פון די דערמאנטע בעריכ-טען, בעוואויגען די ארגאנזשערען פונ'ם ווארשאווער צוזאמענפאהר, מודה צו זיין, אז אין דער צייט, ווען מען האט אין ווארשא ארויסגעקוקט אויף א פיאסקא פון קראקא, האט דער אלגע-מיינער ציוניזם אין קראקא דערגרייכט א געוואלדיגען נצחון.

נאך דער ענטוישונג האט דער ווער-שאווער צ. ק. געמוזט אין זיין פער-מאנענץ-קאמיסיע מאכען קאנצעסיעס און בערוהיגען זיינע דעלעגירטע, אז ער וויל ווערען א טייל פונ'ם אלגע-מיינעם ציוניסטישען וועלט-פערבאנד.

דער ווארשאווער צ. ק. האט—ווי עס דאכט זיך—אויסגענוצט די געוואלדיגע מיעדקייט פון זיינע דעלעגירטע און האט אין דער לעצטער מינוט נאך דריי נישט געשלאפענע נעכט, דורכפארסירט א רעזאלוציע, אז ער מאכט אבהענגיג זיין אריינטריט אין וועלט-פערבאנד פון די אלגעמיינע ציוניסטען פון אקצעפ-טירען זיין פערלאנג, אז מען וועט אנערקענען דעם „הסתדרות" אלס די איינציגע יודישע געווערקשאפט.

מיר ווילען זיך נישט אריינלאזען אין דיסקוסיעס, צי מיר נויטיגען זיך אין אזא „הסתדרות", ווי מיר האבען איהם היינט. אבער עס פרעגט זיך: צי האבען אלגעמיינע ציוניסטען, אלס וועלכע עס בעטראכט זיך דער ווער-שאווער צ. ק., נישט קיין אנדערע דאגות, ווי צו קלערען, ווי אזוי צו שטארקען דעם איינפלוס פון מפא"י און פון דער „הסתדרות"? צי האבען אל-געמיינע ציוניסטען, הן פון דעם שטאנד-פונקט פון א"י, הן פון דעם ארגאניזא-ציאנעלען שטאנדפונקט, נישט קיין אנ-דערן אינטערעס, ווי צו קלערען, ווי לאזט מען נישט צו דערצו, אז אין דעם „הסתדרות" זאל דער מפא"י נישט פערלירען זיין מאנאפאל.

ווער עס האט נאר אביסעל קריטי-שען חוש מוז זאגען, אז די ארגאנזשע-רען פונ'ם ווארשאווער צוזאמענפאהר האבען מיט דער דאזיגער רעזאלוציע געוואלט אונמעגליך מאכען זייער אריינ-טריט אין וועלט-פערבאנד, ווייל וויל מען שטארקען דעם אלגעמיינעם ציו-ניזם טאר מען נישט קלערען, ווי אזוי שטארקט מען א פליגעל אין דער ציו-ניסטישער בעוועגונג, נאר ווי אזוי מען קען שטארקען די אלגעמיין-ציוניסטישע וועלט-ארגאניזאציע.

דער אלגעמיינער ציוניזם איז אנ-ארגאניזאציע, וועלכע רעפרעזענטירט די גאנצקייט פון די א"י אינטערעסען, וועלכע האט פאר איהרע אויגען איין ציעל, דאס איז דעם גיכען און שנע-לען אויפבוי פון ארץ-ישראל, אנ'אי-בערגעלעגטע און פלאנמעסיגע אויסנו-צונג פון דער גוטער קאניונקטור אין יודישען פאלק פאר א"י, ווי אויך דאס פעראייניגען און זאמלען אלע שאפענ-דע כוחות אין אנ'אויסגעהאלטענעם פאליטישען קאמף פאר אונזערע רעכט אין א"י, דאמאלס מוז ער אויסטיילען דאס, וואס טיילט און צוזאמענפאסען דאס, וואס פעראייניגט.

וועט דער ניי - געוועהלטער צ. ק. וועלען זשאנגלירען מיט דער פינפטער רעזאלוציע וועגען דער הסתדרות, וועט זיך ראשית בעפעסטיגען די מיינונג אין אלע ציוניסטישע רייהען, אז דער צ. ק. איז אייגענטליך נישט מעהר ווי א אונטערשטופער און פוסען-בענקעל פון דעם לינקען פליגעל און שנית, אז ער איז נישט גרייט צו פיהרען אנ'אומאב-הענגיגע ציוניסטישע פאליטיק. דאמאלס וועט דעם וועלט-פערבאנד פון די אל-געמיינע ציוניסטען נישט מעהר איבריג בלייבען ווי צו שאפען א סתם ציוניס-טישע ארגאניזאציע אין קאנגרעס פוי-לען. די לייטונג פונ'ם וועלט-פערבאנד וועט זיך נישט טארען אריינלאזען אין חדשים-לאנגע אונטערהאנדלונגען, ווייל מיר שטעהן פאר א קאנגרעס און מיר מוזען פון דעם גרויסען רעזערוואואר, וואס עס בילדען די יודען אין קאנ-גרעס-פוילען און אויף די קרעסען שע-פען נייע כוחות פאר דעם וועלט-פער-באנד.

מיר זענען נישט אזוי נאאיוו, כדי נישט צו וויסען, אז דער גורל פונ'ם קאנגרעס וועט ענטשידען ווערען אויף דעם שטח פון פוילען. מיר טארען אבער נישט איבערלאזען איין טייל פוילען, וואס זאל נישט אריינגעצויגען ווערען אין וועלט - פערבאנד פון די אלגעמיינע ציוניסטען און זאל נישט מיטבעשטימען דעם גורל פונ'ם קאנגרעס און אלגעמיינעם ציו-ניסטישען זין אין דערמיט מיטהעלפען צום זיעג פונ'ם אלגעמיינעם ציוניזם.

# יום=כפור=קראנקהייט.

(ערצעהלונג).

פון ש. רוסיאנאוו.

די חולאת „יום כפור'יטיס" געפינט זיך נישט אין מעדיצינישען ווערטער-בוך, דאך קען איך אייך צושטע-לען גענוג עדות צו שווערען מיט כלי-ערליי שבועות, אז דאס איז איינע פון די סאמע ערנסטע קראנקהייטען אין דער וועלט.

פרובט וועגען דעם ענין א שמועס טהון מיט סיניאר פאסאליא, וועט ער אייך דערצעהלען ווי „יום כפור'יטיס האט איהם געמאכט פאר א שברי-כלי, פאר א צובראכענעם שארבען.

— ווען נישט די דאזיגע קרענק וואלט איך נאך עד היום געקיניגט אין מיין מילאנער אפערא-הויז אין איטא-ליען!

סיניאר פאסאליא איז געווען אנ'-אפערע-דירעקטאר, געהאט זיין אייגע-נעם טעמפעל פון קונסט, וואו ער האט אויפגעפיהרט די בעסטע אפערעס, האט פאסירט, אז איין סעזאן זענען די גע-שעפטען נישט געווען אזוי פויגעלדיג און ער האט זיך געבאדען אין חובות אנשטאט אין ווייך. אבער סיניאר פא-סאליא איז געוואוינט געווארען צו אזעלכע זאכען. איז איין סעזאן געווען א שלעכטער, איז דער צווייטער געווען א גוטער. ער האט ווי עס איז דורכ-געשטופט די צייט. דאסמאל האט ער בעשלאסען אראבצוברענגען א פאר נייע קרעפטען פון א גרעסערער שטאדט.

צווישען די אימפארטירטע טאלענ-טען האט זיך געפינען א נייער שטערן וואס האט ערשט גענומען לייכטען אויף דעם אפערעטישען הימעל: די מאדאם מאריא פישטשעלי. סיניארא פאסאליא האט איהר געוואלדיג אנאנסירט. ער האט פערשפרייט וועגען איהר פיקאנ-טע מעשה'לעך פון איהר פריוואטען לעבען צו רייצען די נייגעריגקייט ביים עולם און דאס האט געווירקט. די בי-לעטען זענען ממש צוכאפט געווארען און סיניאר פאסאליא איז געווען אין זיבעטען הימעל.

— כא! כא! כא! — האט ער זיך געריבען די הענד פאר שמחה — די איינע אייננאהמע וועט זיין גענוג צו דעקען מיינע אלע חובות.

דעם פריהמארגען, ווען די פרימא-דאנע האט געדארפט מאכען איהר ער-שטען אויפטריט אויף דער ביהנע פון זיין טעאטער, איז דער דירעקטאר אוועקגעפאהרען אין איהר האטעל מיט א שעהנעם בוקעט בלומען.

— מאדאם פישטשעלי—האט ער זיך פאר איהר טיעף פערנייגט—אלע בילע-טען צו דער היינטיגער פארשטעלונג זענען אויסגעקויפט. נישט געבליבען קיין איין בילעט אין קאסע, אין טע-אטער וועלען זיין די פני פון שטאדט, די סמעטענע פון דער געזעלשאפט. מען וועט אייך אויפנעמען מיט שטורמישע אוואציעס. איך בין אייך נעקומען גרא-טולירען מיט אייער גרויסען ערפאלג.

אבער די פרימאדאנע האט זיך נאך נישט צוגעהערט צו זיינע רייד. זי איז געשטאנען קאלט און פערגליווערט ווי א סטאטוע.

ווען סיניאר פאסאליא איז איבער-געקומען זיין בעגייסטערונג און געכאפט א קוק אויף מאדאם פישטשעלי'ס אנ-געכמורעטען פנים איז ער געווארען דערשראקען:

— וואס איז געשעהן? זייט איהר פערקיהלט? קראנק?

אבער די פרימאדאנע האט נישט אזוי שנעל געענטפערט אויף זיינע פראגעס.

— מאדאם פישטשעלי—האט זי דער דירעקטאר נישט אבגעלאזט—איך ווער משוגע, מיין מוח שפאלט זיך מיר! זאגט מיר שנעל, וואס ס'איז געשעהן? האט איהר פערלוירען אייער שטים?

— סיניאר פאסאליא, איך האב פאר אייך א טרויעריגע בשורה. איך קען היינט אווענד נישט שפילען.

— פארוואס? — איז דער דירעקטאר צו איהר צוגעשטאנען.

— ווייל היינט אווענד איז יום-כפור.

— דאס אלץ—האט דער דירעקטאר אבגעאטעמט פריי—איך האב געמיינט ווער ווייסט וואס! וועניג יודען שפילען אין מיין טעאטער! און ביז איצט האט זיך נאך קיינער פון זיי נישט אבגע-זאגט פון שפילען יום-כפור. א חוץ דעם האב איך אייער קאנטראקט שווארץ אויף ווייס, אז איהר מוזט שפיעלען סעפטעמבער דעם 18-טען און איך וועל אייך בשום אופן נישט אבלאזען!

— ווען איך האב דעם קאנטראקט אונטערגעשריבען, האב איך נישט גע-וואוסט, אז דער דאטום פאלט אויס יום-כפור, אבער וואס עס זאל נישט זיין, פערזיכער איך אייך נישט צו ברע-כען די שבועה צו מיין גאטזעליגער מא-מע, קיינמאל נישט אויפצוטרעטען אין טעאטער יום-כפור!

א לאנגע, לאנגע צייט האט דער דירעקטאר איינגעטענה'ט מיט דער פרימאדאנע, אבער עס האט גארנישט געהאלפען. ער האט זיך אומזיסט אויס-געגעסען די לונגען, רעדענדיג, מאדאם פישטשעלי איז געבליבען פער'עקשנ'ט.

— די וועלט מעג באדיי אונטערגעהן און איך וועל נישט שפיעלען יום-כפור!

עס האט זיך אנגעהויבען א סדר טעלעגראמעס, טעלעפאנען, שטאפעטען

# וואס געהערט, וואס געזעהן.

## בין כסה לעשור.

איז נאך ווייניג, וואס זיי האבען אויסגעבעטען אין ראש-השנה, סיי אין דער שוהל, סיי ביים וואסער. זיי זע-נען אלץ נאך נישט זיכער, אז זיי הא-בען בעקומען א גוטען וויראק, באלד אויף צומארגענס שטעהען זיי ווייטער אויף פארטאגס, לויפען אין שוהל אריין צו סליחות און קלאפען זיך על חטא, און אזוי טאג-איין טאג-אויס. זיי גרייטען זיך ערשט צו דעם אמת'ן יום הדין, צום שבת שבתון, יום הכפו-רים, אין וועלכען זיי ווילען זיך אויס-בעטען א גמר חתימה טובה.

מיר יודען זענען א הארט פאלק, מיר פערלאזען זיך נישט אויף קיין נסים. מיר טהוען כל התחבולות, אבי מיר זאלען געווינען דעם פראצעס. ווען מיר האבען שוין מרעיש עולם געווען אין דער שוהל לויפט מען נאך אויף די קברים. אולי וועלען זיי זיך מיהען פאר אונז אין די הימלען.

עס איז א פיין שטיקעל צייט פון ראש השנה ביז יום כפור, עס איז דער מאמענט, ווען אויפ'ן וואג-שאל וועגט דעם מענשענס לעבען. א קלייניגקייט עפיס, דער בין כסה לעשור?

## אנ'אויפטהו.

ווי בעוואוסט מעהרען זיך אין אונ-זער שטאדט די ווינקעל-שוחטים ווי שוואמען נאך א רעגען. ווי א שלימזל, וואס קאן נישט קיין קאץ דעם עק פערבינדען, וועלכער איז שוין געווען שדכן, מלמד און גלאט א ליידיגעהער, נעמט ער א חלף און שחט. די אלע יודען, איבערהויפט די פרויען, בעצאה-לען צו עטליכע זלאטעס, אבי זיי זא-לען קאנען געהן די ימים נוראים צום דאווענען און הערען שופר בלאזען, קלאפען זיך על חטא און הארצען פאר די בעגאנגענע זינד, טראכטען אבער נישט, אז דערמיט וואס זיי געהן צו די ווינקעל-שוהטים בעגעהן זיי ערשט דעם אמת'ן חטא.

פערהאנגען אבער א סך יודען, וועל-כע פערטיידיגען זיך, אז היות ווי אין שחט-הייזעל, וועלכעס געפונט זיך העט ווייט דארט אין עק שטאדט, איז ווייט צו געהן, געהען זיי צו א שוחט, וואס איז נעהנטער צו זיי. אט צוליעב דעם טעם, און אויך צוליעב דער בעקוועמ-ליכקייט פון דער יודישער בעפעלקע-רונג, האט די קהלה בעשלאסען איינ-צוארדנען צייטווייליגע שחט-הייזלעך אין א ריי גאסען, ווי למשל, אויף דער בערעק יאסעלעוויטש 11, ווארשאווער 21, אלעע וואלנאשטשי 61 אז"וו.

צי דאס וועט העלפען, אז די יודישע פרויען זאלען לאזען שחט'ן ביי די די קהלה-שוחטים איז נאך א ספק. יעדענפאלס פון דער קהלה'ס זייט איז דאס אנ'אויפטהו.

## זיי נוצען אויס די צייט.

די שפילער, וואס געהען איבער די הויפען ארבייטען מעשים, אז זיי זא-לען אויסנעמען ביים עולם און זיי זאלען בעקומען די גראשענס. היות אבער ווי מען געוואוינט זיך צו צו דער מוזיק און וואס אמאל ווערט דער אינטערעס צו זיי שוואכער, נוצען זיי אויס די געלעגענהייט, אז מען זאל זיך אויף זיי אומקוקען.

אזוי למשל געהען ארום אין די ימים-נוראים-צייט די כלי-זמרים און דוקא קריסטען און שפילען טרויריג סענטי-מענטאלע יודישע ליעדער. איין חברה האבען אפילו כל - נדרי אין זייער פראגראם, און ווען זיי קומען אויף א יודישען הויף שפילען זיי כל נדרי. ביי די פרויען בעווייזען זיך טרערען אין די אויגען און זיי ווארפען אראב 5-ערלעך. די כלי-זמרים, זעהענדיג, אז דער נומער פון פראגראם געפעלט, זשאלעווען זיי נישט און האלטען אין איין שפיעלען דעם טראדיציאנעלען יודישען כל נדרי. עס איז נאר א שאד, וואס די צייט איז אזא קורצע און זיי וועלען עס נישט קאנען אויסנוצען אויף א לענגערע צייט.

## די „קרולאווא יאדוויגא" איז גע-ווארען פרעזידענטין...

שוין עטליכע הדשים צייט, ווי מען האט מנוחה געהאט פון דער „קרולא-ווא יאדוויגא" און מען האט געקאנט מיינען, אז דער מלאך פאמפ קומט איהר שוין נישט מעהר צו חלום. דער-ווייל אבער, ווי ס'ווייזט אויס, האט איהר דער מלאך געגעבען אורלויב נאר אויף א קורצע צייט און איצט האט ער זיך צו איהר ווייטער גענו-מען, נאר שוין נישט אין דער ראלע פון א קעניגין איבער יהודה וירושלים, נאר אלס פרעזידענטין ז'מיאסטא טשענ-סטאכאווי.

מיט עטליכע טעג צוריק האט די „געוועזענע קעניגין" בעזוכט אונזער רעדאקציע און אונז געמאלדען, אז זי איז געווארען פרעזידענטין איבער טשענסטאכאוו און מען האט איהר בע-שטימט 4 טויזענד זלאטעס א חודש געהאלט. הוות אבער ווי זי איז גע-וואהר געווארען, אז מען האט איהר קאליע געמאכט אין מאגיסטראט מיט'ן אויסצאהלען די פענסיע, לכן, בעט זי אונז, אז מיר זאלען איהר אנ'עצה געבען. דערביי האט זי אונז אנדער-צעהלט וועגען די פלענער, וואס זי האט בדעה אויסצופיהרען, ווי אזוי זי וועט עטליכע ניי-אויסגעוועהלטע ראט-מענער צונעמען זייערע מאנדאטען, ווי אזוי זי וועט די שטאדט איינארד-נען אז"וו.

ווי איהר זעהט, בלייבט אונזער „קרולאווא" נישט היינטערשטעליג, אויב זי קאן זיך נישט דערווייל אוועקזע-צען אויפ'ן כסא המלוכה אין ירושלים, וויל זי ביז דעמאלס דערווייל פערנע-מען זיך מיט'ן פרעזידענטין-שטוהל אין טשענסטאכאוו.

## אז שותפות זאל זיין יחלוקו.

צוויי יודען האבען גענומען איין שותפות - צעטעלע צו דער פירטער קלאס. איז ביי זיי אויסגעבראכען א שקלא וטריא, ווער עס זאל האלטען דאס צעטעלע. ווי ס'ווייזט אויס, הא-זיי איינער צום אנדערן נישט געהאט צופיעל צוטרוי. זענען זיי געפאלען אויף א פלאן, דהיינו, זיי האבען צורי-סען דאס צעטעלע אויף צוויי חלקים און זיך געטיילט מיט זיי, כדי ווען זיי וועלען חלילה געווינען, זאל איי-נער אהן אנדערן נישט קאנען נעמען קיין געו"ד. וועלען זיי ווידער פער-שפילען, נו מילא, וועלען זיי וויסען, אז יעדער האט פערשפילט זיין חלק...

הא, אז שותפות זאל זיין דער אמת'-ער שותפות...

## זיי זענען ווערט דעם אמת'ן דאנק.

מען מוז ווירקליך בעוואונדערען די איידעלע טהאט פון די אייגענטימער פון קינא „עדען" בנוגע זייער בעצי-הונג צו דער יודישער בעפעלקערונג.

אזוי לאנג ווי זיי האבען דאס קינא, גיבען זיי צוויי מאל אין יאהר, פסח און אויף די ימים נוראים, גרעסערע נדבות פאר דער יודישער בעפעלקע-רונג. ס'זענען אין משך פון דער צייט געווען שוין פאר זיי קריטישע צייטען. פונדעסטוועגען האבען זיי נישט אי-בערגעריסען די טראדיציע. נאר אנ-שטאט, וואס אמאל האבען זיי געגעבען צו 500 זל. און מעהר, גיבען זיי היינט צו 200 זל. אדער מעהר. אבער איג-גאנצען נישט געבען איז ביי זיי נישט-טא.

א דאנק און אנערקענונג קומט אויך דעם אייגענטימער פון גרעסטען היגען קלאנג-קינא, דעם ה' אדאלף גאלד-בערג פאר דער שעהנער נדבה 250 זל.

